אין ווײַן-קעלער.

— און אז דער טרעגער, וואָס אונדזער ערד און וועלט אף זײַנע אקסל טראָגט, ווערט אמאָל מיד זי צו טראָגן, גיט ער זי א צווייטן, זײַנעם א פרײַנט, א ליידיקגייער, איבער, און אליין לאָזט זיך אין שענק אוועק...

אן אפדערנאכט אמאָל, ס׳איז פינצטער און אומהיימלעך, קומט ער אין א גרויסער שטאָט, וואָס צו גאָט און צו מענטשן, אָן. דאָרטן איז נעבן א גאס א רוישיקער א הינטערגאס און פון מענטשן אָפגעטון פאראנען. ליגט דאָרט אין א מויער איינעם א סקלאד־קעלער צופוסנס, פירן אין קעלער ארײַן עטלעכע טרעפּעלעך אראָפּ. טרעפט מען זיך דאָרט אין א שטוב א נידעריקער, אין אן אלטער און מיט צימערן איינעקע, און די ווענט אין די צימערן זײַנען מיט עפּעס א שווארצן לאק א גלאנציקן באשמירט, און אף די ווענט די שווארצע — אלטע בילדער עפּעס רויט־געפארבטע הענגען. שטייען אין די צימערלעך אלטע טישן נאָך פון אמאָל פארבליבענע, פּראָסטע הילצערנע און נאָר ווײַס גערייניקט, און בא די טישן בענק אלטע, אויכעט פּראָסטע און לאנגע, און ווערליק אייניקע מענטשן זאָלן זיך אף זיי זעצן, און די צימערלעך זײַנען נידעריקע, און פון די ווענט קוקן אף זיי די אלטע בילדער מיט אמאָליקע שיקורים, גרויסע לײַט און היגע באזוכער אראָפּ.

קומט אהין דער וועלט־טרעגער צו גיין אינאָוונט, און די צימערלעך זײַנען שוין פארנומען, און בא יעדן טיש פּאָרן, מאנסבלען מיט פרויען זיצן, און אין איינעם א צימער נאָר מאנסבלען געפינען זיך, געפינט ער זיך דאָרט אן אָרט בא א טיש, זעצט זיך אוועק און הייסט דעם דינער זיינעם א וויין זיך דערלאנגען. דערלאנגט ער אים, און אנקעגן דער עוילעם איז שוין א באטרונקענער, און די פּענימער זײַנען זיי שוין פון ווײַן און פון טרינקען רויט, און זייערע אויגן שוין נישט גלײַך קוקן, נאָר צעשווומענע און צעמישטע זײַנען. און אמאָל איינער און אמאָל אן אנדערער כאפּט זיך פון זײַן אָרט שוין אוף, אום צו דעם, וואָס אים אנקעגן זיצט, מיט זײַן גלאָז זיך גלעזלען, אָדער אזוי זיך גלאט, פון שיקרעס אן אויסגעשריי צו אויסשרײַען.

מאכט זיך דאָרט א יונגער עוילעם אמאָל באם טיש, יונגע געלערנטע, וואָס זײַנען נאָך פון טאלמידים־בענקל נישט אראָפּ, און צווישן זיי רײַך־קינדער, און אזוינע, וואָס רײַבן זיך און האלטן זיך נעבן רײַכע, ביליקע טרוימער און וואָלוועלע שענק־גײַסטער, וואָס מיינען די וועלט פאריכטן און איר ביזאהעריקן געשטעלטן שטייגער מיט ווערטער צעשטערן — צעשרײַען און צעהיצן זיי זיך אינמיטן טרינקען, צעגוואלדעווען און צעטומלען זיך, איינס דאָס אנדערע ניט הערנדיק, און איינער א מער היציקער, שטעלט זיך ארויס און טומלט זיך מער פון אלע, שרײַט אויס און קאעסט זיך אף דער וועלט:

— זי האָט זיך פארשולדיקט, אז די האָר זײַנען נישט אירע.

— אין טפיסע זי, די אָנזעצערן, — שרײַען אנדערע, און מיט די פויסטן אין טיש קלאפּן.

— באם באלעבאָס פון „סאגענאָער״ *) (אזוי הייסט דער שענק) זי פארזעצן! — פאלט אײַן דאן איינעם.

— אין איר מיט א לאָך מאכן, פולווער, און זי אופרײַסן! — שרײַט א צווייטער.

— פעטער! — קערעוועט זיך דאן א שיקערער צום וועלט-טרעגער, וואָס אָפּגעזונדערט בא זײַן טיש זיך זיצט — ווער זײַנט איר און וואָס טוט איר דאָ?

— דער וועלט־טרעגער בין איך! — באקומט ער אן ענטפער.

— ווער?! — הערט יענער ניט אײַן און גלויבט ניט דעם געהערטן.

— דער וועלט־טרעגער! —

— כא, כא, כא — צעלאכט זיך יענער און אף א קאָל צו זײַן כעווריע קערעוועט זיך:

— כעווריע, הערט נאָר, ווער עס זיצט דאָ מיט אונדז! דער וועלט־טרעגער איז ער.

און די כעווריע לויפט זיך צום טרעגער דאן אָן, און מיט שפּאָט און שיקרעס רינגלען אים בא זײַן טיש ארום, האלטן אים פאר מעשוגע און די וועלט פאמעלעך צו טראָגן אייצענען און זען זי ניט אראָפּוואַרפן, אום כאָלילע זי נישט צעברעכן — וואָרנען...

— גוט — איז דער טרעגער מאסקים.

— אן אוויירע נאָר זײַן מי, קיינער וועט דאָך אים פאר דער טירכע נישט באצאָלן, — זאָגט דאן איינער.

DER NISTER

In The Wine Cellar

And whenever the carrier who carries our earth-and-world upon his back grows weary of carrying, he hands it over to someone else, a friend of his with nothing to do, and the carrier goes off drinking . . . .

One evening, when it was dark and eerie, he came to a large and respectable town. There, just off a bustling street, lay a deserted alley. And there, in a brick building you can find a storage cellar. You can enter the cellar by going down a few narrow steps. People gather there in several old rooms with low ceilings, and the walls of these rooms are covered with enamel, a shiny black, and on these walls, on the blackness, there are old pictures painted red. Inside these rooms you'll find old tables, leftovers from the past, plain wood, and scoured white, and next to the tables old benches, likewise plain, and long, so that several people can sit on them, and the ceilings are low, and from the walls the old portraits of old-time drunkards, great men and visitors, are gazing down.

When the world-carrier arrived in the evening, the little rooms were already filled, couples were sitting at every table, but in one room there were only men to be found, and here he found a place at a table, sat himself down, and asked the waiter to serve him wine. So he served him, and the clientele was already drunk, the faces were red from wine and drinking, and their eyes couldn't see straight, they were blurred and bewildered. And every so often one drinker or another would jump up from his seat to clink glasses with the man across from him, or simply, in his drunkenness, let out a yell.

At one table, there was a bunch of young men, young scholars who hadn't left their school benches yet, and among them rich children, and people who hang around the rich: Cheap dreamers and chintzy drinkers, who think they can make the world over and talk away its present condition. And they yell and they rage as they drink, and they shout and carry on, no one listening to anyone else, and one of them, the hottest head, sticks out from the crowd and carries on more than anyone else, and hollers and shrieks at the world:

"The world is up to its ears in debts, and even its hair is not its own."

"Send it to prison—it's bankrupt!" others shouted, banging their fists on the table.

"Pawn it," one of them threw in, "sell it to the owner of The Blind Man." (That was the name of the tavern!)

"Put a hole in it, stick in some powder, blow it up!" someone else hollered.

"Hey cousin!" a souser turned to the world-carrier, who, at his table, was sitting aloof. "Who are you and what are you doing here?"

"I'm the carrier of the world!" was the answer.

"Who?!" The souser didn't quite get it, and didn't quite believe what he got.

"The carrier of the world!"

"Hahahaha!" He burst out laughing and, turning to his boon companions, he cried:

"Gang, get a load of who's sitting here with us! The carrier of the world!"

And the gang dashed over to the world-carrier, surrounding his table in drunken mockery, they thought he was crazy and they advised him to carry the world gingerly, and warned him not to drop it, or else it might break, God forbid! . . . .

"Okay!" the carrier agreed.

"What a waste of effort, no one's gonna pay him for his trouble," said one of them.

"There are certainly better lines of work around," said another.

— אוואדע גיבן בעסערע פּאַרנאָסעס — זאָגט דאַן אַ צווייטער.

און די כעווורע איז זיך לעסאָף מעיאעש פון אים און לאָזט אים אַף זײַן אָרט בא זײַן זיצן און זײַן מעשוגאַס איבער, קערט זיך צו איר אָרט און איר טרינקען אום, אזוי אַף לאַנג און ביז שפּעט אינאָוונט אַרײַן, און ביז אַלע ווערן דאָרט אַף זייערע ערטער אײַנגעשלאָפן, ווער דעם קאָפּ און די הענט אַף דעם טיש אָנגעשפּאַרט, ווער אַפן אַקסל בא זײַן כאַווער, און ווער אזוי, אַף זײַן אָרט און גלײַך זיצנדיק; ווערן זיי אזוי אײַנגעשלאָפן, און קיינער וועקט זיי ניט, ווײַל פון „סאַגענאָער" טרײַבט מען ניט קיין מענטשן, און „סאַגענאָער" איז אי באַטאָג, אי באַנאַכט אָפן, און מענטשן קענען וויפל זיי ווילן זיך פאַרברענגען; און האַלבע נאַכט ווערן די צימערלעך טאַקע אָפּגעליידיקט, אָבער ווער ס'בלײַבט נאָך, בלײַבט, ווער סע טרינקט, טרינקט, און ווער ניט — קאָן אזוי זיצן... זיצט זיך אזוי ווײַטער דער טרעגער, און אין זײַן צימערל איז שוין קיינער ניטאָ, אויסער יענע נאָר, וואָס שלאָפן, און אויך די צימערלעך זײַנען שוין ליידיק, און די נאַכט-דינער בא די עקן טישן און אָן אַרבעט דרעמלען. און אין שטאָט דער רויש האָט זיך שוין אײַנגעשטילט, און אין גאַס, ווו „סאַ-גענאָער" געפינט זיך, גייט שוין נישט קיינער, נאָך ווען-ניט-ווען אַ פּאָר פיס פון אַ פאַרשפּעטיקטן אַהיימגייער פאַרבײַ די נידעריקע פענצטערלעך, וואָס צום דרויסן קוקן, פאַרבײַגיין דערהערן זיך...

שטעלט זיך דאַן אין צימערל פון טרעגער דער נאַכטשלעפער אַרײַן, נישט באַמערקט פון קיינעם און פאַרבײַ די דרעמלענדיקע דינער דורכגעגאַנגען. און אָט איז ער אַף דער שוועל שטיין גע-בליבן. און אָנגעטאָן איז ער אין אַ טיגערפעל אזוינער, ווי אין אַ רעקל אָן אַרבל, און דער עק פון טיגער שלעפּט זיך אים אַ טויטער און באָמבלענדיקער נאָך. און אליין זעט ווי געדראָלן און רויט-פאַרבלאָזן אויס, פון באַשטענדיקן טרינקען און וואָס אויך איצט איז אונטער דער קויסע, וואָס ער האָט ערגעץ אַנדערש און שוין נישט איינע דאָרט אַרײַנגעכאַפּט. שטייט ער און האַלט זיך אַף דער שוועל דאָרט שוואַכלעך, אָבער נאָך וואָס ער איז דאָ געקומען, ווייסט ער נאָר, און אַז עמעצער דאָ אינטערעסירט אים, זעט מען אַף אים; דערזעט ער דעם וועלט-טרעגער דאַן בא זײַן טישל זיצן, גייט ער צו אים צו, ווי צו זײַנעם אַן אַלטן באַ-קאַנטן, קומט אים צום טיש אונטער און פאַרנעמט אַן אָרט אַנקעגן, דערלאַנגט אים אַ האַנט צום גריסן און לאָזט זיך אַף אַ בענקל אַראָפּ.

— ווי גייט עס? — פרעגט ער באַם וועלט-טרעגער, זיך אַראָפּזעצנדיק.

— גוט, און באַרג-אַרויף.

— און וואָס איז די גדולע דײַנע, דאָס, וואָס דו טראָגסט אָט די שיקורים אָן געלט? —

און דער שלעפער ווײַזט דאָ דעם טרעגער אַף די אַנקעגן שלאָפנדיקע נאַכט-פאַרשוינען אָן.

— ניין, — ענטפערט אים דער גײַסט, — און ווי בא דיר?

— שלים!

— וואָס אזוינס? —

— די פרומע זײַנען אויסגעשטאָרבן און נישטאָ, און די, וואָס זײַנען פאַרבליבן, איז כאַפּט זיי, ווי זאָגסטו, דער טײַוול.

— איז בא וועמען ביסטו געבליבן?

— בא איינעם אַ שטיקל פרײַנט נאָר.

— און ווער איז ער?

— ער איז קליין און נישטיק, דאַר און שוין הויט און ביין, און זײַן פּאָנעם איז אים געל געקנייטשט, און ערד איז אים אין די קנייטשן. די אויגן האָבן זיך אים צעמישט, זײַנע ווײַסלעכער האָבן די שוואַרצלעכער פאַרגאָסן, אַ גראָ וואַסערל איז אים שוין אין די אויגן, און אַז ער פאַרטראַכט זיך אַמאָל מיט זיי, זעט ער שוין, ווי נישט אַף דעם אוילעם אויס: דאָ האָט שוין נישט וואָס צו טון, וואָס ער האָט געהאַט, האָט ער אויסגעבראַכט, ווײַן און ווײַבער האָט ער זײַנע קליינע קויכעס אָפּגעגעבן, און איצט איז ער אזוי פאַרבליבן, און אַלע אָוונט נאָר האַלוצינאַציעס באַפאַלן אים...

ווי ער קומט נאָר אין זײַן באָכערישער היים אינאָוונט, ער פאַרמאַכט נאָר די טיר נאָך זיך, דרייט דאָס ליכט אַרויס און בלײַבט אַליין אין צימער, אזוי רירט זיך אים באַלד אַ וואַנט אויף אַנקעגן, אַ לײַכטער שאָטן טוט זיך אים אַ ווײַז דאָרטן, און פריִער שוואַכלעך און נישט אָנגעזעען, אָבער באַלד וואַקסט אַ פאַרשוין פאַר אים אויס — אַ הויכער און אַ ציכטיקער, מיט גלאַטע האָר פאַרקעמט און מיט אַ שרינט אזוינעם, מיט לעצטע מאַנירן און אין אויג אַ מאָנאָקל. באַווײַזט ער זיך צו מײַן פרײַנט, נעמט זיך אַ פּלאַץ באַם טיש אים אַנקעגן, אַ פוס אַף אַ פוס פאַרלייגט, האַלט זיך פרײַ און נישט געצווונגען, און מײַן פרײַנט איז שוין צו אים צוגעוווינט, ער שרעקט זיך נישט פאַר אים, און אַף זײַן אומגעבעטן קומען האָט שוין מיט דער האַנט אַ מאַך געטון...

און די לעצטע צײַט האָט ער מײַן פרײַנט מיט אַזאַ באַזוך באַפוילט: ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, עפּעס געשוויגן אַ צײַט, און מײַן פרײַנט האָט אין דער האַנט בא אים עפּעס אַ מעשונע סייפערל באַמערקט: שוואַרצע טאָוולעך און שוואַרצע בלעטלעך און אויך עפּעס אַן פאָרמאַט אַן אומגעוויינלעכער.

— וואָס איז דאָס? — האָט ער בא אים אַ פרעג געטון.

— טאַקע פון [illegible]

And the drinkers eventually gave up and left him there to sit and be crazy, they went back to their places and their drinking, on and on, into the night, until they had all gone to sleep where they were, some with their heads and arms on the table, some on a neighbor's shoulder, and some just sitting up straight. They fell asleep, and no one awoke them, because no one ever throws you out of The Blind Man, it's open day and night, and people can carry on as long as they like. At midnight, the rooms are actually cleared out, but whoever is staying simply stays, whoever is drinking drinks, and whoever isn't—can just sit.... So the carrier sat on, and there was no one left in his little room except for those who were fast asleep, and the other rooms were also empty, and the night waiters, idle at the table corners, were napping, and the bustle in town had faded out, and the alley outside The Blind Man was deserted, only the occasional feet of someone going home late and passing the low windows could be heard....

At this point, into the carrier's room walked the night-wanderer, unnoticed by anyone and passing the napping waiters. And there he halted at the threshold. He was wearing a sort of tigerskin, like a sleeveless jacket, and the tiger's tail came after him, lifeless and dangling. And he himself looked red and puffy and bloated from constant drinking, and was still in his cups, which he had drained somewhere else and not just one. He stood there at the threshold barely holding himself up, but he knew what he was after and his face showed someone here was of interest to him. The moment he saw the world-carrier sitting at his table, he went over to him as though they were old friends, came to his table, and sat down opposite him, shaking his hand.

"How are things?" he asked the world-carrier.

"Fine, going uphill."

"And what are you so happy about? The fact that you're carrying these drunkards without pay?"

And the wanderer pointed to the nightbirds sleeping all around them.

"No," the carrier answered him, "what about you?"

"Bad!"

"How?"

"The pious are dead and gone, and the people still left are being grabbed up by, how do you say, the devil."

"And who are you left with?"

"I live with a distant relative?"

"Who is he?"

"He's small and slight, skinny and bony, and his face is yellow and wrinkled, and there's earth in the wrinkles. His eyes are messy, the whites have flooded the blacks, the sockets are filled with a gray liquid, and if he ever gets dreamy-eyed he looks other-worldly. He has nothing to do in *this* world, whatever he's had he's spent, whatever energy he had he devoted to wine and women, and that's how he is, and every evening he's afflicted by hallucinations....

"Whenever he comes home at night to his bachelor's quarters, he closes the door behind him, switches off the light, and stays all alone in his room, and soon the opposite wall starts to move, a pale shadow appears to him, at first feeble and faint, but then a man emerges before him—tall and neat, his hair smooth and carefully parted, his manners impeccable, and with a monocle in his eye. He appears to my relative, sits down at the table, opposite him, crosses his legs, remains informal and relaxed, and my relative has gotten used to him, he's never frightened by him or his unbidden arrival, he just waves....

"Recently though, he visitated my relative with his visit. He sat down, and kept silent for a spell, and my relative noticed he was holding a peculiar book: black covers and black pages, with a bizarre format.

" 'What's that?' he asked him.

" 'I brought it for you, I wanted to show you.'

" 'What is it?'

" 'What they wrote about us.'

" 'Who about whom?'

" 'A few millenia from now about our millenium.'

"And the man handed him the book, and my relative took it and peered inside. And the book wasn't anything like our books, it wasn't printed with black ink on white paper, but the other way around—white on black. And my relative couldn't read the writing and he couldn't make out the book at all. So he gave it back for the man to read to him. And the man read: It was all one to him—a writing from thousands of years ago, a writing from thousands of years from now, and he said that the book came from a black human race that took over the present world, without a single trace remaining of the whites, and only the history of the whites some-

וואָלט.

— וואָס אזוינס?

— וואָס מ׳שרײַבט פון אונדז.

— ווער פון וועמען?

— אין אייניקע יאָרטויזנט ארום פון אונדזער טויזנטער.

און דאָ האָט אים דער פארשוין דאָס סייפערל דערלאנגט, און מײַן פרײַנט האָט עס גענומען און אינדרין ארײַנגעקוקט. און נישט ווי אונדזערע איז יענער סייפער געדרוקט געווען, נישט שווארץ אף ווײַס פאפיר, נאָר פארקערט — מיט ווײַס אף שווארץ. און מײַן פרײַנט האָט דאָס קסאוו יענץ לייענען נישט געקענט און אין סייפער גאָרנישט ניט פארשטאנען. האָט ער עס צוריק דעם פארשוין אָפּגעגעבן, זאָל ער דאָרט לייענען. און יענער לייענט: ס׳איז אים אלציינס — קסאוו פון צוריק מיט טויזנטער, און קסאוו, וואָס שפּעטער מיט טויזנטער, און זאָגן זאָגט ער, אז דאָס בוך קער צו א מענטשהײַט שוין א שווארצער, וואָס האָט די איצטיקע וועלט פארנומען, און פון די ווײַסע איז שוין קיין זייכער נישט געבליבן, און נאָר די געשיכטע זייערע בלאָנקעט נאָך ווי־ניט־ווי אין די געדעכענישן ארום, און ווען־ניט־ווען דערמאָנט מען זיי.

און אזוי שרײַבט זיך דאָרט אין בוך: נאָך גרויסע געשלעגן און מילכאָמעס צווישן די ווײַסע, אז א גרויסער ייִעש איז זיי באפאלן, ווײַל אז צו זייער געטרוימטן שאָלעם, האָבן זיי געזען, וועלן זיי שוין נישט קומען, און אז בעסער ווי זיי זײַנען, וועלן זיי ניט ווערן, און וואָס זיי האָבן גוטס געהאט, האָבן זיי שוין אָפּגעגעבן, און זייער צײַט שוין צו עלטער בייגט זיך, און זייער בלוט און בארוף ענדיקט זיך, און אנדערע און געזינטערע דארפן זיי יארשענען קומען, און אויך די אנדערע וועלן מיסטאָמע נישט בעסער זײַן — האָבן זיך זייערע קליגסטע און אויסדערווײלטסטע אף א באראָט צונויפגענומען, און פאר די איבערגעבליבענע, פאר די פעלקער און פאר די פעלקערלעך זייערע, א באשלוס אָנגענומען: ענדע! און זאָל עס גיין, ווי עס גייט, בעסער מאכן איז אומעגלעך, און זאָרגן איז שוין ניטאָ פאר וועמען, און זאָל זיך יעדערער, ווי ער פארשטייט, זײַן לעבן ענדיקן, און פאר פרעמדן קלאל און פרעמדן פראט זיך קימערן איז א נארישקייט...

און דער געשיכטע־שרײַבער גיט דאָ צו און שרײַבט ווײַטער:

„און א געוויינלעכע דערשײַנונג און א טאָגטעגלעכע איז עס דאן געוואָרן, און אין די צײַטשריפטן איז דאָס פארצייכנט, און אין די טאָגבלעטער האָט מען דאן לייענען געקאָנט, אז אמאָל דאָ און אמאָל דאָרטן האָט מען יענע כאכאָמים, וואָס האָבן דעם באשלוס אָנגענומען, איינציקווײַז בא זיך אין די היימען אין די פרימאָרגנס אין די וואנעס און אין די באָד־צימערן געטראָפן, — אויסגעטאָנענע און אין די וואסערן זיצנדיק. אויסגעגאנגענע, און די וואסער איז פול בלוט געווען: זיי האָבן זיך די אָדערן געעפנט, און אזויערנאָך זייערע כעשבוינעס מיט דער וועלט פארענדיקט“...

און דער פארשוין מײַן פרײַנטס האָט דאָס לייענען פארענדיקט, דאָס סייפערל פארמאכט און מיט מײַן פרײַנט זיך איבערגעקוקט.

— איז וואָס? — האָט אים מײַן פרײַנט געפרעגט — זאָלן מיר זיך אויך אין יענע כאכאָמים פארשרײַבן?

— הם... — האָט דער פארשוין געשטאמלט — כ׳מיין, ס׳איז צײַט... ווייל פון אונדזער וועלט איז נישט צו האָפן...

און דער נאכט־שלעפער גיט דאָ צו:

— און מײַן פרײַנט מיט זײַן פארשוין זײַנען שוין פארשריבענע, און אויך איך בין צו זיי צוגעשטאנען.

— איז וואָס וואָלסטו געוואָלט? — פרעגט דאן דער וועלט־טרעגער באם שלעפער.

— האלטן מיר דיך נישט פאר נארישער פון אונדז, און איך בין געקומען אויך דיר דאָס פאָרשלאָגן.

— אין „צאר באלעכאיִם“ ארײַן?

— רוף עס, ווי דו ווילסט, און זאָל עס הייסן, ווי סע וויל זיך.

— ניין! - ענטפערט דער וועלט־טרעגער.

— און דײַן גדולע און דײַן בארג־ארוף? —

שווײַגט דערוף דער טרעגער. האלט נאָר זײַן קאָס אין די הענט ארומגענומען, און זײַן פּאָנעם איז פארטראכט צו די הענט געווענדעט, און אין „סאגענאָער“ שוין גרויסע נאכט־שטילקייט הערשט דאן, און די יונגע־לײַט, וואָס אין טרעגערס צימער באם טיש שלאָפן, שלאָפן שוין איצט אף א גרויסן עמעס, און אויך די דינער, די אף־נאכט־פארבליבענע, עפעס פארזונקען און

how or other flickers about in their memories and sometime or other someone remembers them.

"And the book says: 'After great battles and wars between the whites, when a great despair came over them because they saw that they would never achieve the peace they had been longing for, and that they would never become any better than they were, and that they had already given away anything good they had had, and that their time was drawing to a close, and that their blood and their mission were coming to an end, and that others, stronger ones, were to inherit them, and that these others might not be any better—then they brought their best and most carefully chosen minds together for a conference, and then, for the survivors, for their big and little nations, they passed a resolution: THE END! Let it be, there was no way of doing better, and there was no one left to bother about, let everyone end his life however he wished, it was senseless to worry about another group or another individual.'

"And the historian adds, and goes on to say:

"'And it became a normal and regular occurrence, the magazines wrote it up, and you could read about it in the daily newspapers: Sometimes here and sometimes there, one after another, those sages who had passed the resolution were being found, every morning, in their homes, in their bathrooms, in their tubs, undressed and sitting in the water, quite dead, with the water full of blood. They had opened their arteries, thereby settling their accounts with the world....'

"The man finished reading to my relative, closed the book, and exchanged glances with him.

"'What about it?' my relative asked him. 'Are we supposed to follow their example?'

"'Uhhh...' the man stammered, 'I mean, it's time... there's no hope for our world...'"

And the night-wanderer added:

"My relative and his man are already won over, and I've joined them myself."

"So what do you want?" the world-carrier asked the night-wanderer.

"We don't think you're any more foolish than we are, and so I've come to propose the same thing to you."

"For preventing cruelty to animals?"

"Call it whatever you like, it doesn't matter."

"No!" answered the world-carrier.

"And what about your joy, and your 'things are going uphill'?"

The carrier didn't answer. He merely clutched his winecup in his hands and turned his wistful face toward his hands, and The Blind Man was filled with a great nocturnal silence, and the young men sleeping at the carrier's table were sleeping now in truth, and the waiters as well, the ones who had stayed for the night, were drowsing and dozing, and sitting down on the corners of tables, for just a while, they remained seated, and the night-wanderer sat facing the carrier, sat there and waited for him....

"Ha!—" the carrier awoke from his quiet mulling, and more to himself than to his opposite he exclaimed:

"My joy? Yes.... Not long ago, from the farthest corners of the universe, at night, I heard something like a quiet shot. Was it a world going under, was it a world encountering, colliding with, another world, I couldn't see.... However, I did see a window on earth, in a little house, respond to that shot with a light shiver. And a man woke up there and got out of bed, and washed his hands and looked at God's universe, and said: 'Something has happened out in the world, we've got to pray, and we've got to think.'

"And he stood there and said:

"'What's happened up there? I can't tell whether a heavenly body has exploded or a new sphere has been born, it's not clear; but whatever it is, it's happened, and it's linked with eternal life and divine death, and perhaps it doesn't have any mouth, and someone has to be its mouthpiece, and I've been found worthy, and I heard it in my sleep, and I am already standing before God, outside his mansion and window, and the waking world-carrier is occupied, bearing his burden and labor, and who shall speak for what has happened?'

"And I was the carrier at the time, on the world's beaten path, and I heard the singing of rare spheres, and I was carrying my weighty burden, my holy and heavy load, when I caught the words of that man, and I bent my shoulders more and took the yoke more deeply upon myself, my yoke and my labor, my love and my joy...."

"We've heard the like from you before," the night-wanderer broke in, "have you nothing new, world-carrier?"

"Doesn't the old mean anything to you?" the carrier asked angrily.

פאַרדרעמלט זײַנען, און בײַ די עקן טישן, ווי אויף א ווײַלע נאָר, זיך צוגעזעצט, זײַנען אַזוי זיצנדיק פאַרבליבן, און דער נאַכט־שלעפער זיצט אַנקעגן טרעגער, זיצט און וואַרט אויף אים...

— האַ!...— וועקט זיך דער טרעגער דאַן פון שטיל־פאַרטראַכט־זײַן אויף, און מער, ווי צו זײַן אַנקעגן־זיצנדיקן, צו זיך אַליין טוט א זאָג:

— מײַן גדולע? יאָ... כ׳האָב געהערט נישט לאַנג, ווי אין די ווײַטסטע וועלט־רוימען האָט באַנאַכט אַמאָל עפּעס א לײַכטער שאָס געטון. צי א וועלט איז דאָרט אונטערגעגאַנגען, צי א וועלט מיט א וועלט האָבן זיך אָנגעשלאָגן און באַגעגנט, האָב איך נישט געזען, נאָר געזען האָב איך, ווי אויף דער ערד און אין א שטיבעלע איינעם האָט א פענצטער אויף יענעם שאָס מיט א לײַכטן ציטער זיך אָפּגערופן. און א מענטש האָט זיך דאָרט אויפגעוועקט און איז פון זײַן געלעגער אַראָפּ, און די הענט האָט ער געוואַשן, און אויף גאַס דרויסן אַרויסגעקוקט, און געזאָגט האָט ער: עפּעס איז איצט געשען אויף דער וועלט, מ׳דאַרף דערויף בעטן, און מ׳דאַרף זיך באַדענקען.

און ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט און געזאָגט:

— „וואָס ס׳איז פאָרגעקומען פונויבן, איז מיר נישט קלאָר, צי א הימל־קערפּער האָט געפּלאַצט, צי א נײַע וועלט־געראָד איז געבוירן, ווייס איך נישט; אָבער וואָס ס׳זאָל דאָרט נישט זײַן — איז דאָס געשען, און מיט אייביקן לעבן און מיט געטלעכן טויט איז דאָך דאָס פאַרבונדן, און עפשער האָט דאָס נאָך אָדער שוין קיין מויל נישט, דאַרף דאָך דאָס עמעצער פאַרן מויל ברענגען, און איך בין דאָך דער זוכע, און איך האָב דאָס פון שלאָף דערהערט, און איך שטיי שוין פאַר גאָט, פאַר זײַן דרויסן אין פענצטער, און דער וואַכנדיקער וועלט־טרעגער איז איצט פאַרנומען, מיט זײַן מאַסע און זײַן מי צו טראָגן, און ווער זאָל פאַרן געשעענעם דאָס וואָרט זאָגן?"

און געווען בין איך דער טרעגער דאַן, אויף דער וועלטס וועג אויסגעטרעטענעם, און ווײַטע געזאַנגען פון זעלטענע הימל־גערעדער האָב איך געהערט, און געגאַנגען דאַן בין מיט מײַן מאַסע אָנגעלאָדן, מיט דער הייליקער און שווערער. האָב איך די רייד פון יענעם מענטשן דערהערט, האָב איך דאַן מײַנע אַקסל אײַנגעבויגן און טיפער אויף זיך דעם יאָך גענומען, מײַן יאָך און מײַן מי, מײַן ליבע און מײַן גדולע...

— ענלעכס אויף דעם האָבן מיר שוין געהערט פון דיר — האַקט דער נאַכט־שלעפער דעם טרעגער אינמיטן איבער — עפּעס נײַעס, וועלט־טרעגער, האָסטו?

— און דאָס אַלטע איז דיר ווייניק? — פרעגט דער טרעגער בערויגעז.

— ניין, דערעסן... און דײַן מענטש איז א נאַר, און זײַן מויל מאָלט נאַרישקײַטן.

— און וואָס וואָלסטו געזאָגט?

— אויסגעשפּיגן און געגאַנגען שלאָפן...

און אַנשוויגן אויף א ווײַלע ווערן דאַן ביידע. דער טרעגער לאָזט ווידער זײַנע אויגן צו זײַן קאָס אַראָפּ, און דער נאַכט־שלעפער קוקט אויף אים און ווי זײַן נאַרישן אומשולד באַדויערט. שטעלט זיך דאַן אויף דער שוועל דער נאַכט־וועכטער אַרײַן, און אויך ער און נישט באַמערקט פון קיינעם. פון דער שטילער גאַס אין „סאַגענאָער" קומט צו גיין, אין אָנגעפּעלצטער, און קײַלעכיק מיט בגדים אָנגעפּאַקטער, און אויף זײַן ברוסט א היטער־פײַפעלע הענגט אים, אויף טאָמער עפּעס מאַכט זיך, און טאָמער עפּעס אומרויִקס אין גאַס געשעעט — צו פײַפן און די אַרומיקע היטער צו מודיע זײַן. קומט ער אַרײַן, און א שווײַגער איז ער, און מיט טרעגער און שלעפער שוין לאַנג באַקאַנט. זעצט ער זיך צו זייער טישל צו און פאַרנעמט אַן אָרט דאָרט מיט זײַן אָנגעפּעלצטקײַט — און טרעגער מיט שלעפער זײַנען צופרידן מיט זײַן קומען, און ביידע אויף אים זייערע בליקן און זייער אויפמערקזאַמקײַט ווענדן.

— און וואָס זאָגסטו, היטער? — ווענדעט זיך צו אים מיט שפּאַס דער שלעפער.

— זאָג, זאָג, — ענטפערט דער היטער, — זאָג, וואָס דו ווילסט, מ׳הערט דיך א היפּש ביסל, מ׳שלאָפט בעמיילע.

און דער היטער ווערט אַנשוויגן, און ער איז ערנסט־היטעריש אין זײַן שווײַגן, און דער שלעפער ווענדעט זיך דאַן אָפּ פון אים, און צום טרעגער דאַן קערעוועט זיך: —

— דערצייל עפּעס, טרעגער, אַהיים איז נאָך פרי צו גיין, די נאַכט איז נאָך גרויס, און דו האָסט דאָך באַגעגענישן.

און דער גײַסט פאַרטראַכט זיך אויף א ווײַלע, דערמאָנט זיך אָן עפּעס און טוט א זאָג:

— הער־זשע, שלעפער, און פאַרשטיי.

און דער טרעגער דערציילט:

"No, I'm sick of it... and your man is a fool and he spouts foolish things."

"And what would you have said?"

"I would have spit and gone to bed...."

And both remained silent for a while. The carrier again dropped his eyes to his cup, and the night-wanderer looked at him as though pitying his foolish innocence. At this point, the night watchman came over the threshold, and he also entered unnoticed, from the quiet street into The Blind Man, all bundled up in fur, roly-poly in his clothes, with a watchman's whistle dangling on his chest, in case anything were ever to happen, were ever to stir up the street—to whistle and inform the other watchmen. And in he came, a man of few words, an old friend of the carrier and the wanderer. He sat down at their table and filled out a place with his bundled-up-in-fur-ness—and the wanderer and the carrier were happy to see him, and the two of them turned their eyes and their attention to him.

"What do you say, watchman?" the wanderer turned to him in a joking mood.

"Say, say," replied the watchman, "say what you like, people hear you a lot, they sleep as a matter of course."

And the watchman fell silent, and earnest and watchful in his silence, and the wanderer turned away from him, and addressed the carrier:

"Talk to us, carrier, it's still too early to go home, the night is still enormous, and you've had experiences, the carrier mulled for a moment, and remembered something, and said: 'Listen, wanderer, and understand.' "

And the carrier began to talk.

Just the other night, he said, he had run into Aquarius, the water-bearer, with his pole and his pails across his shoulders, and the pole stretched across the breadth of his back, and the pails were bobbing about, and idly water-bearing he came walking toward him.

"And so I peered into the pails, and I saw they were parched and thirsty. So I looked at him and asked what was going on, it appeared as though the pails had run dry, and how long hadn't they seen a well? Whereupon he replied: 'Virgo the Virgin is getting married, and I want to pass her by with empty buckets.... I was the one who got her to heaven, I got her a place among the constellations, and she's marrying someone else.'

" 'What do you mean?' "

Aquarius' Tale

Her father was a fallen angel, he lived with an earthwoman, they had a child, and he coveted and was satiated, and thought of the heavens and earth as his own. But then, upon such angels, the punishment fell, and heaven had to close to them, and they were condemned not to return—they were given a tiny moment of time, and whoever wanted to use it could. Many of the angels, however, were busy with their earthliness and their wives, and thus they missed their moment, and wailing, and akin to men, they were left behind, and only a few of them perceived, and bethought themselves of the time, and up and back, in that moment, they went. Among these few was the virgin's father, and he didn't want to go back up alone, he wanted to take his wife and the fruit of her womb, so quickly and first he handed up his child, and I happened to be standing in the sky, watching him doing the handing, and I grabbed from his hands and took it over, and he wanted to boost up his wife, and then himself, but that very moment the heavens closed up, and the angel with his wife in his hands in the air found himself standing before a sky that was shut and bolted up.

And now the child was in my hands, and at first I didn't know what to do, but gradually it got used to me, and I was its father and mother. And I brought it up, and I got to like it, and it was always around me when I worked, and when I drew water from the well and showered the world with rain and plenty, and I always kept it at my side, and I never left it as a waif.

And when she was growing up and the other constellations saw her with me, they watched her and praised her to the skies, and some were even envious of her, and then of me for having her so close all the time.

Now in those days the heavenly spheres and constellations were still unsettled, and every now and then a star would

— דאָ נישט לאַנג, — זאָגט ער, — האָט ער דעם מאזל־עמער באַגעגנט. מיט זײַן שטאנג און מיט זײַנע עמער אף די אקסל, און די שטאנג איז אים אף דער ברייט פון דער פלייצע געלעגן, און די עמער האָבן זיך אים געבאָמבלט, און ליידיק וואסער־פירעריש איז ער אים אנקעגן געקומען. האָב איך אים ארײַנגעקוקט אין די עמער און זיי טרוקן און צעלעכצט געזעען. האָב איך זיך צו אים געווענדעט און בא אים „וואָס איז די מײַסע?" — א פרעג געטון, וואָס עפּעס די עמער טרוקן און ווי לאנג שוין דעם ברונעם נישט געזעען — זעען אויס? האָט ער מיר געענטפערט: מאזל־יונגפרוי*) האָט כאסענע און איך וויל איר מיט ליידיקן איבערגיין... אדאנק מיר איז זי אין הימל ארופגענומען, אדאנק מיר האָט זי אן אָרט צווישן די מאזאָלעס באקומען, און איצט גייט זי צו א פרעמדן זײַן.

— וואָס הייסט?

— איר טאטע איז פון די געפאלענע מאלאָכים געווען, ער האָט מיט אן ערד־פרוי געלעבט, ער האָט מיט איר א קינד געהאט, און געגלוסט און זיך געזעטיקט, און געמיינט, אז הימל און ערד זײַנען זײַנע. איז דאָך אָבער דערנאָכדעם אף אזוינע מאלאָכים די שטראָף אויסגעפאלן, און דער הימל האָט זיך פאר זיי פארשליסן באדארפט, און אף צוריק ארופצוקומען איז זיי שוין נישט באשערט געווען, — האָט מען זיי נאָר א קליינע רעגע צײַט געגעבן, און ווער ס'האָט געוואָלט האָט זי אויסנוצן געקאָנט. זײַנען אָבער פון די מאלאָכים פיל אין זייער ערדישקײַט און מיט זייערע ווײַבער פארנומען געווען, האָבן זיי פארזאמט די רעגע, זײַנען זיי אף קלאָג און אף מענטשן־צוגלײַך אונטן געבליבן, און נאָר אייניקע פון זיי האָבן זיך געכאפּט און באדענקט אין דער צײַט, און אין יענער רעגע האָבן זיך צוריק ארופגעכאפּט. צווישן יענע איינציקע איז אויך דער מאזל־יונגפרויס פאָטער געווען. האָט ער אָבער נישט נאָר זיך אליין, נאָר אויך זײַן ווײַב און איר פרוכט פון איר לײַב ארופנעמען געוואָלט, האָט ער אף גיך צום ערשטן דאָס קינד ארופדערלאנגט, און איך בין גראָדע באם הימל און באם ארופדערלאנגען געשטאנען, און איך האָב עס פון זײַנע הענט א כאפּ געטון, האָב איך דאָס איבערגענומען, און יענער האָט דאָס ווײַב געוואָלט ארופגעבן און דערנאָך אויך אליין ארוף, האָט זיך שוין אָבער אין דער רעגע דער הימל צוגעשלאָסן, און דער מאלעך איז מיטן ווײַב אין די הענט אין דער לופטן שוין פאר א פארשלאָסענעם און פאר א צוגעמאכטן הימל שטיין געבליבן.

און דאָס קינד האָט זיך אין מײַנע הענט געטראָפן, און די ערשטע צײַט האָב נישט געוווּסט וואָס צו טון דערמיט, אָבער דערנאָך האָט זיך עס צו מיר צוגעוווינט, און איך האָב דעם א טאטן און א מאמען פארביטן. און איך האָב דאָס דערצויגן, און דאָס קינד איז מיר ליב געוואָרן, און באשטענדיק איז דאָס מיט מיר בא מײַן ארבעט געווען, ווען איך האָב פון מאזל־ברונעם געשעפּט און דער וועלט אראָפּ רעגן און שעפע געגעבן, און געהאלטן האָב דאָס בא דער זײַט באשטענדיק, און קיינמאָל דאָס אליין און אף הפקר נישט אָפּגעלאָזט.

אז ס'איז אונטערגעוואָקסן, און אז די אנדערע מאזאָלעס האָבן דאָס דערזעען בא מיר, האָבן זיי דאָס באטראכט און געלויבט אלע, און אייניקע פון זיי האָבן זיך אפילע דערין מיסקאַנע געווען, און דאן אויך אין מיר, וואָס האָב עס אזוי נאָענט בא זיך טאָמיד.

און אזוי ווי אין יענע צײַטן זײַנען נאָך הימל־גערעדער און מאזאָלעס נישט פעסט געווען און פון צײַט צו צײַט פלעגט זיך נאָך אמאָל א שטערן אויסגליטשן, פאלן און פון דער ראָד פעלן, האָט זיך טאקע אמאָל געמאכט, און איינער א שטערן־מאזל איז ניכּיענדיק פון וועג אראָפּ און ערגעץ ווו פארבלאָנדזעט, צי אין א טהאָם אראָפּ, האָט אונדז אין ראָד דאן א באזעצער געפעלט, און איינס אן אָרט איז דאָרט ליידיק געשטאנען, האָבן זיך מאזאָלעס צונויפגענומען און באשלאָסן: דאָס אָרט דעם קינד און פון מיר דערצויגנס אָפּגעבן, און — נישקאָשע: שעמען דערמיט איז זיך נישט געווען, און געשײַנט האָט דאָס ניט ווייניקער פון אנדערע, און ליב געווען איז דאָס מער פון אנדערע, און דאָס קינד האָט דאָס אָרט פארנומען, און א גלײַכע צווישן גלײַכע געוואָרן.

און דאָס קינד איז מיר טײַער געוואָרן, און דאָס קינד איז דאָך צו מיר נעענטער, ווי צו אלעמען, געווען, און געטון האָט דאָס אָן מיר גאָרנישט, און נאָך יעדער מינדסטער זאך פלעגט עס זיך צו מיר ווענדן, ווײַל, ווי געזאָגט, טאטע־מאמע האָט דאָס נאָך שוואך געקאָנט, און איך האָב העם פארביטן טאטע־מאמע.

און איך פלעג דאָס אראָפּקוקן לערנען, ווי אזוי ס'זאָל זיך פאר דער מאזל־ראָד האלטן און דאָס קעפּל זאָל זיך דעם נישט פארדרייען, און אמאָל פלעגט דאָס בא מיר דעם עמער בעטן, איך זאָל דעם אָנווײַזן, ווו און וואָס צו באגיסן, און איך האָב דעם נישט אָפּגעזאָגט און דעם געגעבן, און דאָס קינד האָט שוין די ערד געקאָנט, און זומער און ווינטער געוווּסט, און ווי סע פירט זיך אין זומער און אין ווינטער, און אָפט, ווען זי האָט אזוי דעם עמער געהאלטן, פלעגט זי זיך פארטראכטן, און אמאָל נישט דערגיסן און אמאָל איבערגיסן, ווי א קינד, און איך האָב געשמייכלט און איך האָב איר מויכל געווען אף דעם, וואָס זי האָט מיר דאָרט „אָפּגעטון".

slide away and would fall from the zodiac and be gone, it really happened every so often, and a constellation would stray from its path and wander off, perhaps into some gulf, and in the zodiac a tenant was gone, a place stood vacant, so the other signs got together and resolved to give that spot to the child I had raised and—fine, there was nothing to be ashamed of, she shone no less than the others, and she was lovelier than the others, and the child took the place, and she became an equal among equals.

And I grew so fond of the child, and I felt closer to the child than anyone else, and she never did a thing without me, and she came to me for the least little thing, because, as I've said, she barely knew her parents, and I had taken the place of her parents.

And I would teach her how to look down, and how to hold herself in the zodiac and not to get dizzy, and sometimes she would ask me, the waterman, to show her what to douse, and I never said no, I gave her the bucket, the child already knew the earth, and she knew the summer and winter, and what to do in summer and winter, and often, as she held the bucket, she would lose herself in daydreams, and douse too little or douse too much, like a child, and I would smile and forgive her for what she had "done to me."

And the child kept growing, and I grew to love her, and she took on forms as a *certain* kind of those children do, and she began attracting me, and frequently and secretly I would watch from the side, and she didn't know, and she didn't guard against me, but I did guard against others, and guarded *her* against anyone else: How did they act toward her, how did they look at her, who glanced at her, and to whom did she pay the most attention . . . .

I didn't notice anything except her loyalty and devotion to me, and I was glad and I was cheerful, and deep down I looked forward to the time when she would grow some more, and I would grow close to her, and I would explain to her what was impossible then, and in the meantime I guarded her, and allowed no one else to look at her. And the years wore on, and I kept looking after her, and she kept looking down at the earth, and she didn't really like the earth, and often she would call to me and show me in back and below.

"Uncle Aquarius, what doesn't grow of yours?"

"What doesn't?"

"Something you water and keep watering: Those grasses and those trees of yours."

"But the trees are tall."

"You call that tall? How come they never reach the sky?"

"That's as high as they're fated to grow."

And she would turn away from the earth, and walk away from me, hurt and disappointed, and she would go to the other constellations, to pursue another interest with others and not with me . . . . And they would tell her things and spend a lot of time with her, and all of them told her what they knew and brought out the loveliest things they had, and told about bygones and made up never-was's, and she heard and hung on their every word, and she believed anything, especially the unbelievable, and they thought up things that she had never even seen any traces of on the earth or found any signs of among the constellations; she fell in love with the tales of higher-stars, and they provided her with such, and they never spared their fantasies.

Now she became a stranger and hardly ever came to me, and no longer took any part in my earth work, and she would sit in seclusion, and it was hard to get her out of her seclusion. And in the evenings, after sundown, she would sit down on her star bed and for hours on end before falling asleep she would stare at the sky and the faraway stars . . . .

At this point I felt it was the right time, and I wanted to let her know how I felt, because I could see why the constellations were so occupied with her and why the constellations were so attentive to her, because she brought them all such joy, and everyone was so happy to be around her; so, one evening, when they had all gone to bed, I whispered in her ear—that when all were asleep and all in the zodiac was still, she was to come out to me, I would wait for her, I wanted to talk to her at the well . . . .

She didn't understand, she looked at me, and stared at me in amazement, unwontedly, and yet, unsuspectingly, she promised to come and she kept her promise . . . . I waited at

און דאָס קינד איז געוואָקסן, און איך האָב דאָס ליב גע[...] קריגן, און פאָרמען זיינען בא דעם געוואָרן, ווי בא דעם געוויסן מין פון יענע קינדער, און רייצן האָט דאָס מיך גענומען, און אָפט און פארבאָרגן פלעג דעם שוין נאָכקוקן פון א זייט, און דאָס קינד האָט נישט געוווסט, און דאָס אונטערגעוואקסענע האָט זיך נישט געהיט פון מיר, אָבער איך פאר אנדערע האָב זיך שוין יאָ געהיט, און אנדערע צו איך שוין אין געהיטקייט געהאלטן: ווי האלט מען זיך צו איר, ווי קוקט מען אף איר, ווער האָט אף איר אן אויג געוואָרפן און ווער פון אלעמען ווערט מער געאכט פון איר...

און איך האָב גאָרנישט ניט באמערקט, אויסער איר גע־טרײַשאפט און איבערגעגעבנקייט צו מיר, און איך בין צופרידן געווען און אופגעלייגט זייער, און אין הארצן האָב שוין אף דער צייט ארויסגעקוקט, ווען זי וועט נאָך מער אונטערוואקסן, און איך וועל צו איר נאָענט צוקומען, און דאָס, וואָס איצטער איז נאָך אומעגלעך, וועל איר שפּעטער אופקלערן, און דערווײַל האָב זי געהיט און קיין פרעמר אויג אף איר רוען נישט געלאָזט. און אזוי איז א צייט אוועקגעאנגען, און איך האָב איר אין איין נאָכקוקן געהאלטן, און זי פלעגט אף דער ערד אראָפּקוקן, און די ערד איז איר עפּעס ניט געפעלן, און אָפט פלעגט זי מיך צורופן, און אף הינטן און אף אראָפּ מיר אָנווייַזן:

— פעטער, מאזל־עמער, וואָס וואקסט בא דיר נישט?

— וואָס נישט? —

— דאָס, וואָס דו באגיסט און האלטסט אין איין באגיסן: די גראָזן און די ביימער דיינע.

— די ביימער זיינען דאָך הויך.

— דאָס איז הויך בא דיר? און פארוואָס דערלאנגען זיי דעם הימל נישט?

— מער איז זיי נישט באשערט און נישט געגעבן.

און זי פלעגט זיך פון דער ערד אָפּקערעווען, און פון מיר [...]וי א באליידיקטע און אנטוישטע אוועקגיין, און אוועקגיין פלעג [...]אן צו אנדערע מאזאָלעס, און בא אנדערע און שוין נישט בא [...]יר אן אנדער אינטערעס צו זוכן... און יענע פלעגן איר דער־[...]יילן און מיט איר פיל צייט פארברענגען, און יעדערער האָט [...]יר, וואָס ער האָט געוווסט, דערציילט, און אלע פלעגן פאר [...]יר דאָס שענסטע, וואָס זיי האָבן געהאט, ארויסברענגען, און [...]ערציילן פלעגן איר פון געוועזנס, און אויך נישט געוועזנס [...]לעגן פאר איר אויסטראכטן, און זי האָט געהערט און אלעמען [...]ן מויל געקוקט, און א שטארק־גלויביקע איז זי געווען, און [...]ן אומגלויבלעכעס האָט נאָך מער געגלויבט, און יענע האָבן [...]ר איר אזעלכעס אויסגעקלערט, וואָס אף דער ערד האָט זי פון דעם קיין שפור נישט געזעען, און אויך צווישן די מאזאָלעס קיין סימען פון דעם ניט געפונען; האָט זי זיך אין מייסעס פון העכער־מאזאָלעס פארליבט, און מאזאָלעס האָבן איר צוגע־שטעלט אזוינע, און מאזאָלעס האָבן נישט געקארגט פאר איר קיין אויסגעטראכטס.

פלעג זי איצט א פארפרעמדטע זיין און צו מיר שוין זעלטן קומען, און אין מיין ערדארבעט קיין אָנטייל נישט גענומען, און אין אָפּגעזונדערטקייט פלעגט שוין זיצן, און שווער איז זי שוין ארויסבאקומען געווען פון איר אָפּגעזונדערטקייט. און אין די אָוונטן, נאָך זון־זעצן, פלעגט זיך אף איר מאזל־בעטל ארופזעצן, און לאנגע שאָען פאר איר אנשלאָפן ווערן פלעג אף הויכע הימ־לען און אף די ווייַטע שטערן קוקן...

